יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

הײַנט 8 זייטען

פרייז 15 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 149 | Łódź, Czwartek, 29 czerwca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ה' תמוז תרצ"ג | № 149

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71


# ארלאזאראוו'ס מערדער אנטלאפן קיין לבנון

## אזוי פערזיכערט די „פעלעסטין". — דעם ערמארדעטענס פרוי חזרט איבער איהר אַלטע בעשולדיגונג.— די פוס - טריט - שפורען זעבען סטאַווסקי'ס. — דער אויפרוף פון זשאַבאטינסקי'ז. — היטלעריסטען אַרעסטירען 200 יונגע ציוניסטען אויף אַ טרויער - פערזאַמלונג לזכר ד"ר אַרלאזאראוו אין בערלין

ירושלים, 28. (ספ. טעל.) דער אָרגאַן פון דעם אַראַבישען עקזעקוטיוו „פעלעסטין" טיילט מיט, אַז דער פאַקטישער מערדער פון ד"ר אַרלאזאראָוו איז אַנטלאָפען קיין לבנון און, אַז די ארץ־ישראל־פאָליציי האָט זיך געווענדעט צו דער דאָרטיגער פאָלי־ציי וועגען אַרויסגעבען דעם מערדער.

ירושלים, 28. (ספ. טעל.) די פאָליציי פיהרט ווייטער די אויספאָרשונג, און דערקענט, אַז די שפורען פון די טריט אויפ'ן אָרט פון פערברעכען צעטשפרעכען די פוס־אָפדרוקען פון סטאַווסקי'ן.

די פרוי פון ד"ר אַרלאזאראָוו בעשטעטיגט ווייטער מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט אַז סטאַווסקי האָט אָנגעצונדען דאָס לעמפעל בעת זיין חבר האָט געשאָסען אויף איהר מאַן.

### בייליס—דרייפוס—סאקא־וואנצעטי—סטאווסקי

וואַרשא, 28. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר־רעספאָנדענט) זשאַבאָטינסקי האָט פערעפענטליכט אַ ערקלערונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ערמאָר־דונג פון ד"ר אַרלאזאָראָוו.

ער זאָגט צ. אַ. אַזוי:

— עס איז געשעהען אַ שרעקליכע זאַך — אַ ייד זיצט אין תפיסה, און שווערט, אַז ער איז אומ־שולדיג, און אַ גרויסער טייל פון יודישען פאָלק בעשולדיגט איהם פונדעסטוועגען ווייטער אין אַ מאָרד...

דאָ געשעהט אַזאַ פערברעכען, ווי אַמאָל מיט מענדעל בייליס, קאַפיטאַן דרייפוס און סאַקאָ און וואַנצעטי אין דער לעצטער צייט.

אין די אַלע פאַלען האָט דער פערצווייפלטער טייל פון דער וועלט זיי געשיצט און זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די אומשולדיגע קרבנות.

איצט בעשולדיגט אַ גרויסער טייל פון יודישען פאָלק דעם יודען, וואָס זיצט אין תפיסה.

ווען יעדער זיצט אין תפיסה טאָר מען איהם נישט משפטן.

מען בעשולדיגט נישט נאָר דעם יחיד, נאָר אַ גאַנצע בעוועגונג.

מען בעשולדיגט די גאַנצע רעוויזיאָניסטישע פאַרטיי אין דעם ביתר.

(ווייטער זעה 6־טע זייט)


# זאל פילהארמאניע
20 נארוטאוויטשא 20

שבת, דעם 1 יולי 1933
9 אַ זייגער אין אָוונט קומט פאַר דער



# לידער־קאנצערט

צווייטער
גראנדיעזער

# מנחם רובין

פון וועלט־
בערימטען
קינסטלער

ביים קלאוויר:
לאלא אראנסאן

אימפרעס.:
ל. פינקל.

אין זיין רייכען פערשידענארטיגען פראָגראַם:

**ערשטע טייל:**

1) היידא וויא, ווערטער – בערהאַלץ מוזיק – טרילינג.
2) דער אלטער שומר, ווערטער און מוזיק – ס. גאָלוב.
3) מלוה מלכה, ווערטער–סטוטשקאָוו מוזיק – סעקונדע.
4) 4 סטרונעס, ווערטער – פרוג מוזיק – ווײַנבערג.
5) די באלאדע פונ'ם קעניג, וואס האט אליין געבראכט די שיך צום שוסטער, ער זאל זיי איהם פאריכטען.
6) „דער רבי, די רביצן און עך" ווערטער–מ. ל. האַלפערן, מוזיק–סעקונדע

**צווייטע טייל:**

1) אין חדר, ווערטער און מוזיק – מילנער.
2) ערגיץ ווייט, ווערטער – כאַריק, מוזיק – יאַמפּאָלסקי.
3) קארוסעל, ווערטער – מאַרקיש, מוזיק – יאַמפּאָלסקי.
4) דער למדן, ווערטער – רונד, מוזיק – סעקונדע.
5) שרה רבקה פון ראכמעסטריווקע.
6) כ'וויל נישט געהן אין חדר ווערטער – שלום עליכם, מוז.–רומשינסקי
7) א שאלה צום רבין הומאָרעסקע

בילעטען שוין צו בעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע.



א הארציגען מזל-טוב ווינש איך דער
**פאמיליע פערדער**
צו דער פערלאָבונג פון זייער זוהן
**ישראל**
מיט פרל. שושנה סרעבניק
יצחק פינק.



א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר
**דער פאמיליע פערדער**
צו דער פערלאָבונג פון זייער
ליבען זוהן **ישראל**
מיט פרל. **שושנה סרעבניק**
פאַמיליע באַלדערמאַן.



**וויכטיג פאַר דער ארימער לאדזער בעפעלקערונג**

דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז ס'איז ערעפענט געוואָרען דאָס

# אמבולאטאריום

ביים פעראיין **„מלבוש ערומים"**
שעניעוויטשא 3/5,

וואו ס'ווערט ערטיילט מעדיצינישע היל אויפ'ן אָרט. שיקט אויך אַרויס דאָקטוירים-ספעציאַליסטען מיט וויזיטען אַהיים

נעהמט אויך אָן געבורטען און אַלע אַרט אַנאַליזען. מינימאַלע אָבצאָה־לונגען.

די פערוואַלטונג.



# הזכרה.

מארגען, פרייטאג, דעם 30־טען יוני 1933, 12 אַ זייגער בייטאָג וועט פאָרקומען אין דער שוהל פון „לינת החולים" (פּאָלודניאָווא 19 אַ) אַ טרויער-גאָטעסדינסט צו דער ערשטער יאָהרצייט פון אונזער אונפערגעסליכען מאַן, פאָטער, גרויספאָטער און ברודער

# אשר ליב שקורניק ז"ל

נאָך דער הזכרה 1 אַ זייגער בייטאָג וועט פאָרקומען די ענטהילונג פון דער מצבה אויפ'ן יודישען בית-עולם.

צו די דאָזיגע טרויער-פייערונגען ווערען איינגעלאַדען אַלע קרובים, פריינד און בעקאַנטע.

די פאמיליע.

3414

